אויסשליסליכע שילדערונג:

# אַ טאָג אין וואַשינגטאָן די־סי

## מיט "צדק אַסאָסיעישאָן"

### לטובת אחינו בני ישראל וואָס זיצן ליידער אין פעדעראַלע טורמעס איבער'ן לאַנד

י. כהן



פאַרגאַנגענעם דינסטאָג פרשת בהר איז אַ דעלעגאַציע פון עסקנים פון די "צדק אַסאָסיעישאָן" אינאיינעם מיט תומכים און אַקטיוויסטן פון די חשוב'ע אָרגאַניזאַציע אַראָפּגעפאָרן קיין וואַשינגטאָן די־סי, אַמעריקע'ס הויפּט-שטאָט, און האָט דאָרטן פאַרבראַכט אַ טאָג פון האָפנטליך אויפטון גדולות ונצורות פאַר אחינו בני ישראל וואָס זיצן ליידער אין פעדעראַלע טורמעס איבער'ן לאַנד.

צדק'ס טאָג אין וואַשינגטאָן איז צושטאַנד געקומען אינאיינעם מיט אַ ספּעציעלע באַעהרונג וואָס די "דזשואיש העריטעדזש" קערפּערשאַפט האָט אַהערגעשטעלט פאַר הרה"ח ר' משה מאַרגאַרעטן הי"ו, אַלס טייל פון זייער יערליכע צערעמאָניע. די קערפּערשאַפט באַשטייט פון אַ קאָאַליציע פון עסקנים, קאָנגרעסלייט, סענאַטאָרן און אַנדערע פּובליק פיגורן, וועלכע קימערן זיך מיט אידישע אישוס.

יעדעס יאָר אין מאַי איז אין אַמעריקע אַנערקענט אַלס "דזשואיש העריטעדזש מאָנאַט", און אָפּצוצייכענען דעם מאָנאַט ווערט דורכגעפירט אַ צערעמאָניע אינעם קעפּיטאָל געביידע, וואו די גרופּע שטעלט אַרויס באַעהרונגען פאַר אַ צאָל אידישע און נישט-אידישע פיגורן. היי יאָר צווישן די באַעהרטע איז געווען ר' משה הי"ו, וועמען זיי האָבן אַנערקענט פאַר די פילע פעולות איבער קרימינאַלע יוסטיץ רעפאָרם, הילף אין אוקראַינע פאַר פליטים, און מיט עוואַקואַציעס פון אַפגאַניסטאַן.

אין אַ שמועס מיט איינעם פון די עסקני "צדק" האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז "צדק" זוכט בכלל נישט די סאָרט באַעהרונגען, נאָר דער הויפּט ציל איז ווייטער צו אַרבעטן אויף בילס וואָס רעפאָרמירן דעם יוסטיץ סיסטעם און טורמע סיסטעם אין אַמעריקע. טאַקע צוליב דעם האָט מען אַסאַך כוחות אַריינגעלייגט אויפצוטון מיט די עוואַקואַציעס פון אַפגאַניסטאַן און מיט די אַמבולאַנסן אין אוקראַינע, אַזוי אַרום אויפצובויען אַ גוטע רעפּוטאַציע אַז די באַאַמטע אין וואַשינגטאָן זאָלן זיין גרייט מיטצואַרבעטן.

ר' משה הי"ו איז אַראָפּגעקומען מיט אַ גרופּע פון עסקנים פון "צדק", צווישן זיי הר"ר יעקב ווייס הי"ו, און אויך זענען מיטגעקומען עטליכע תומכים פון די אָרגאַניזאַציע. די ערשטע זאַך פאַר'ן טאָג אין וואַשינגטאָן איז טאַקע געווען די צערעמאָניע אינעם קעפּיטאָל, וואו מען האָט געהערט רעדעס פון אַ צאָל סענאַטאָרן וואָס האָבן אַלע גערעדט בשבחו פון ר' משה און איבער די געוואַלדיגע אויפטוען פון "צדק".

עס איז געווען מערקווירדיג אַז ס'האָבן אויפגעטרעטן אַ צאָל רעפּובליקאַנער סענאַטאָרן אויך, אַריינגערעכנט סענאַטאָר טאָם טיליס, סענאַטאָר טעד קרוז און סענאַטאָר מייק לי, וואָס געוויינליך איז די "דזשואיש העריטעדזש" קערפּערשאַפט בעיקר דעמאָקראַטן, נאָר זיי זענען געקומען לכבודו פון ר' משה. ביים ענדע פון די צערעמאָניע האָט ר' משה אַקצעפּטירט די באַעהרונג מיט אַ רעדע, מאַכנדיג אַ קידוש ה' צווישן אַנדערן פאַר'ן קומען אָנגעטאָן מיט די פולע חסידי'שע טראַגע, אפילו דעם הוט אויפ'ן קאָפּ.

דער עסקן דערציילט אונז אַז "צדק" האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון די צערעמאָניע, און האָט באַקומען ערלויבעניש אַרויסצושטעלן אין די גרויסע הויכע קאָרידאָרן פונעם קעפּיטאָל געביידע עטליכע שילדן און גרויסע בראָשורן מיט בילדער, צו צייגן די פאַרשידענע אַקטיוויטעטן און אויפטוען פון די לעצטערע פּאָר יאָר, ספּעציפיש די העכער דרייסיג אַמבולאַנסן וואָס מ'האָט צוגעשטעלט פאַר עוואַקואַציעס אין אוקראַינע.

נאָך די צערעמאָניע זענען די עסקנים פון "צדק" אַריבערגעגאַנגען צום אָפיס פונעם רעפּובליקאַנער סענאַט פירער מיטש מעקאָנעל, וועלכער האָט געזאָגט אַז ער האָט שטאַרק געוואָלט קומען צו די צערעמאָניע, נאָר צוליב דעם וואָס די רעפּובליקאַנער סענאַטאָרן האָבן געהאַט זייער וועכנטליכע פאַרזאַמלונג פּונקט יענע צייט, האָט ער נישט געקענט קומען. מעקאָנעל האָט פאַרבראַכט מיט די עסקנים אַ לענגערע צייט, און געהערט פון זיי די פאַרשידענע לעצטיגע אויפטוען.

מעקאָנעל האָט זיך פאַראינטערעסירט אויף עטליכע פעולות, אַריינגערעכנט די אַמבולאַנסן וואָס צדק האָט אַהערגעשטעלט צו עוואַקוירן און טראַנספּאָרטירן עלטערע און שוואַכע, אַריינגערעכנט האָלאָקאָוסט איבערלעבער, פון די מלחמה זאָנעס, און מ'האָט פאָרגעשטעלט פאַר מעקאָנעל העסקן ר' יקותיאל גלאַנץ הי"ו וועלכער דרייט זיך אין אוקראַינע און העלפט אַרויס צו קאָאָרדינירן די אַקטיוויטעטן אויפ'ן אָרט.

פון דאָרט איז מען אַריבער צו די הויפּטקוואַרטירן פונעם אַמעריקאַנער יוסטיץ דעפּאַרטמענט, וואו מען האָט געהאַט געסקעדזשולט אַ זיצונג מיט



'צדק' פארנט פון די יוסטיץ דעפארטמענט אין וואשינגטאן



עסקני 'צדק' אין די יוסטיץ דעפארטמענט הויפטקווארטירן

אַ הויכראַנגיקן באַאמטן. דער ציל פון די זיצונג איז געווען צוליב דעם וואָס עס זענען דאָ אַ צאָל עקזיסטירנדע געזעצן וואָס זענען באַשטעטיגט געוואָרן מיט די הילף פון "צדק" אָבער דערווייל האָט מען נאָכנישט אימפּלעמענטירט וויכטיגע פּראָוויזיעס פון די בילס, און אויב זאָל ווערן געלייגט דרוק אין דעם הינזיכט, קען דאָס אויפטון גאָר אַסאַך זאַכן.

מיר פאַרבינדן זיך מיט ר' משה הי"ו, צו הערן פון אים מער דעטאַלן איבער די זיצונג אינעם יוסטיץ דעפּאַרטמענט. צו די זיצונג האָט מען מיטגענומען געציילטע תומכים און פאַרמישטע אין "צדק" וועלנדיג זיי צייגן וויאַזוי עס אַרבעט דאָס אַריינשטעלן אַ געזעץ אין אַפעקט, ווייל בלויז דורכצופירן אַ געזעץ אין קאָנגרעס איז נישט גענוג, נאָר מען מוז עס באַגלייטן אַז די פאַרשידענע פעדעראַלע אַגענטורן וואָס זענען פאַרמישט, שטעלן פאַקטיש אַריין דאָס געזעץ אין אַפעקט.

ר' משה און די אַנדערע עסקנים זענען אַריבער שטרענגע סעקיוריטי ביים אַריינגאַנג צום יוסטיץ דעפּאַרטמענט קאָמפּלעקס, און זענען פון דאָרט אַריבער צו אַ צווייטע געביידע, וואו עס געפינט זיך דער אָפיס פונעם אַטוירני דזשענעראַל, דעפּיוטי אַטוירני דזשענעראַל און דער דריט-העכסטער באַאַמטער פונעם יוסטיץ דעפּאַרטמענט, פּרוי ראָסי, מיט וועמען די עסקנים האָבן געהאַט געסקעדזשולט די זיצונג, זייענדיג די גאַנצע צייט באַגלייט דורך אַן אָנגעשטעלטן.

די געזעצן פון סעקיוריטי זענען זייער אינטערעסאַנט אין אַזאַ וויכטיגע רעגירונג אַגענטור, אַריינגערעכנט דאָס אַז עס טאָר נישט פאָרקומען קיין שום זיצונג צווישן ווייניגער ווי דריי מענטשן. דאָס איז אַזוי אויסגעשטעלט וויבאַלד זיי ווילן פאַרמיידן קאָרופּציע, און ווילן זיכער מאַכן אַז אַלעס ווערט אָנגעהאַלטן מיט יושר, יוסטיץ און אָפנקייט. אויסער די עסקנים מיט פרוי ראָסי ביי די זיצונג, איז דעריבער אָנוועזנד געווען אַ באַאַמטער וועלכער פאַרטרעט דעם יוסטיץ דעפּאַרטמענט אין



ר' משה ביים איבערנעמען די באעהרונג



סענאטאר מעקאנעל ביים הערן פון ר' יקותיאל יודא גלאנץ, מעסקני 'צדק' אין אוקראַינע